# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

פרשת שלח תשפ"ו (באיי קרח) ⨯ **עלון 194**

## בהשגחה

### דיין מעשה קען אויפטוהן אסאך

אמאל טוט א איד א פעולה, און ער אליין כאפט נישט וויפיל גוטס דאס קען ברענגען פאר די גאנצע וועלט.

דער ניגון "ברוך קל עליון", פונעם בארימטן קאמפאזיטאר ר' משה גאלדמאן זכרונו לברכה, איז דאך באקאנט ביי יעדן איבער די גאנצע וועלט.

איך בין געווען זיכער, אז אזוי ווי דער ניגון ווערט געזינגען איבעראל, האט ר' משה אליין עס זיכער געזינגען יעדע וואך שבת ביי זיין טיש. בין איך אבער געווען איבערראשט צו הערן פון ר' משה'ס א זון, אז זיין טאטע האט זיך נישט אזוי שטארק "קאנעקטעד" צו דעם ספעציפישן ניגון, און ער פלעגט גאר זינגען א פיל לענגערע אינטערעסאנטערע תנועה - א ניגון וואס איז היינט צוטאגס בכלל נישט באקאנט.

און דעמאלטס האט מיר אויפגעבליצט א טיפער דערהער: אמאל טוט א מענטש א זאך וואס ער אליין האלט נישט דערפון אזוי שטארק, אבער צום סוף קען דוקא דאס נתפרסם ווערן און משפיע זיין איבער די גאנצע וועלט.

ברוך השם, היינט צוטאגס עקזיסטירט שוין דער "כולל עולמי לאמונה ובטחון - השגחה פרטית": א איד דערציילט א מעשה ביי זיך אינדערהיים אין בני ברק, און א צווייטער איד אין קאנאדע ווערט נתחזק דערפון. א איד אין בארא פארק פארציילט א קליינע מעשה'לע, און א איד אין בעלגיע באקומט פרישע כוחות און באזיגט א שוועריגקייט וואס ער איז יענעם טאג אדורך. און אזוי קומט אויס, אז אין אונזער דור האט יעדער איד אן אומגעהויערע כח צו משפיע זיין אויפן גאנצן וועלט.

עס קען זיין אז דו אליין לייגסט נישט קיין סאך געוויכט אויף דיין מעשה, אבער עס איז מעגליך - און נישט נאר מעגליך, נאר זיכער - אז עס זענען דא הונדערטער אידן איבער די גאנצע וועלט וואס דיין מעשה וועט זיי געבן א שטארקער חיזוק און באלייכטן זייער גאנצע לעבן.

אמאל איז א מענטש'ס תפקיד נישט צו פיל נאכצוטראכטן - נאר פשוט צו טון דאס זייניגע.

אויב ביסטו אדורך א מאמענט פון השגחה פרטית, הויב אויף דעם טעלעפאן אדער נעם א פעדער אין די האנט און טייל מיט דיין מעשה פאר גאנץ כלל ישראל. דו האסט דעם כח צו באלייכטן די גאנצע וועלט!

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה



### די חסד איז אנגעקומען

באבא חאקי מיט זיין משפחה זענען געזעסן אין די טרענזיט לאגער (איבערגאנג-לאגער) ביים ים ברעג פון חדרה, זיי זענען אדורך גרויסע שוועריגקייטן און זיי זענען געווען בעירום ובחוסר כל. עס איז ערב שבת קודש, און עס איז נאכאלץ נישט דא קיין געלט אויף די הוצאות שבת.

דאס איז געווען אינעם יאר תש"ט. אין די טרענזיט לאגער 'גבעת אולגה', וואס געפינט זיך אינעם מערב טייל פון חדרה, נאנט צום ברעג ים.

צענדליגער משפחות וואס זענען נארוואס ארויף פון מאראקא זיך צו קלאמערן אינעם באדן פון ארץ ישראל און זיך דארט באזעצן, זענען געווען צוזאמגעשטופט אין שרעקליכע אומשטענדן, אין געצעלטן אונטער שווערע רעגנס און שניידנדיגע ווינטן פון וואס די זאמד פון דעם בארג איז געווארן איין גרויסע בלאטע.

שמאלע וועגן האבן פארבינדן צווישן איין בודקע צום צווייטן און איין געצעלט צום צווייטן. יעדעס מאל וואס די שטורעם איז געווארן שטערקער און די רעגנס האבן אנגעהויבן פאלן, האט מען געהערט וואסער טראפן, וואס איז וועענטועל פארוואנדלט געווארן אין ערנסטע שטראמען וואס האבן זיך אריינגעכאפט אינעווייניג.

אין אט דעם ענגן און קליינעם פלאץ, וואס איז געווען דורכגעווייקט מיט א פייכטן גערוך, אויף די נאסע ערד, האבן די מאראקאנער עולים געלעבט אין גאר שווערע און ביטערע אומשטענדן. זייער איינציגסטע שוץ קעגן די ביטערע קעלט וואס האט אריינגעבלאזן פון יעדן ווינקל איז געווען עטליכע דיקע דעקעס...

דאס איז גארנישט געווען וואס זיי האבן זיך פארגעשטעלט, דאס איז נישט געווען דער היים וואס זיי האבן אזוי שטארק גע'חלומ'ט און ארויסגעקוקט דערויף דורכאויס זייער גאנצע רייזע אהער. א גרויסע צובראכנקייט און עצבות האט זיי אנגעהויבן באפאלן, און זייער מוט איז געפאלן פון טאג צו טאג.

אבער, אינמיטן די אלע שוועריגקייטן און שמערצן, האט דער אייבערשטער זיי אריינגעשיקט א גרויסע ליכטיגקייט און טרייסט דורך דעם צדיק וקדוש רבי יצחק ב"ר מסעוד אבוחצירא זי"ע - דער הייליגער "באבא חאקי", וואס איז געווען דער ברודער פונעם הייליגן באבא סאלי זצוק"ל. דער באבא חאקי האט אויך אימיגרירט פון ארפוד, מאראקא, נאך א לאנגע און שווערע רייזע, פונקט ווי די אנדערע אידן אינעם טרענזיט לאגער. יעדן טאג פלעגט ער דערהויבן די הערצער און נשמות פון זיינע ליבע ברידער מיט ווערטער פון אמונה און בטחון:

"טייערע ברידער, דער אייבערשטער איז מיט אונז און האט אונז נישט פארגעסן פאר קיין איין רגע! אונזער פאטער, דער אב הרחמן, איז מיט אונז אין אונזער צער. ריכטיג אז יעצט איז אונז שווער, אבער לאמיר גלייבן אז די ישועה פונעם באשעפער איז נאנט,

<<<

דער גליון איז אויסצוגן פון 'קו השגחה פרטית' - טויזנטער מעשיות, פול מיט חיזוק.

ווילט איר האבן שלוות החיים? **רופט אריין צו קו השגחה פרטית 1-518-613-0140**

## "אלע טיקעטס"

**א איד פון ביתר דערציילט:**

זינט מיין ספעציעלן קינד איז געבוירן געווארן, בין איך ארומגענומען מיט וואונדערליכע גילויים פון השגחה פרטית.

דאס קינד איז געבוירן געווארן מיט א פעלער אין זיין הארץ. דאס הארץ, וואס ביי א געזונטן מענטש פארמאגט עס פיר קאמערן וואס זענען אפגעטיילט דורך א שטארקע ווענטל וואס עפענען און פארמאכן זיך מיט א פונקטליך-קאארדינירטע סיסטעם, איז ביי אים געווען צע'חוש'ט. די קאמערן זענען געווען אפן, און ס'איז כמעט אוממעגליך איבערצולעבן אזא מצב.

פאר עטליכע חדשים איז דאס קינד געלעגן אין שפיטאל פאר באהאנדלונגען. איך וואלט געקענט שרייבן דריי גאנצע ביכער נאר איבער יענע תקופה אליינס: דאס ערשטע - מעשיות פון השגחה פרטית, דאס צווייטע - די געוואלדיגע חסדים פון אידישע קינדער, און די דריטע - די השגחה פרטית וואס האט זיך ארויסגעוויזן אין די אלע חסדים זעלבסט.

די דאקטוירים האבן פעסטגעשטעלט אז דאס קינד מוז דורכגיין אן אפעראציע צו פארריכטן די קאמערן אין זיין הארץ. דאס איז א קאמפליצירטע אפעראציע וואס מ'מאכט נישט אין יעדן פלאץ.

מ'האט באשלאסן אז מ'וועט אפערירן דאס קינד אין 'עין כרם', און פאר דעם צוועק האט מען געדארפט אהינשיקן א דיסק מיט די סקענס וואס מ'האט געמאכט אין 'שערי צדק'.

נאך יענעם זעלבן טאג - נאכדעם וואס מיר זענען שוין געווען אינדערהיים נאכ'ן ווערן באפרייט פון שערי צדק - האב איך באקומען א טעלעפאן קאל פון הדסה עין כרם, אז אויב מיר ווילן זאכן זאלן גיין שנעלער, דארפן מיר ברענגען דעם דיסק פונעם שפיטאל איבערצוגעבן נאך היינט.

מיין ווייב מיט'ן בעיבי זענען געבליבן אינדערהיים, און איך האב פארשטאנען אז איך וועל אליין מוזן גיין אפנעמען דעם דיסק.

אין די חדר ביי אינז אין ביתר, איז דא א מלמד וואס וואוינט אין ירושלים און ער פלעגט מיר שטענדיג געבן א היטש ווען אימער איך האב געבעטן. איך האב אים אנגעקלונגען, אבער ער האט נישט געענטפערט.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, בין איך געגאנגען צו די באס סטאנציע ווארטן אויפ'ן באס. איך האב געווארט און געווארט, אבער דער באס האט זיך נישט באוויזן.

אינצווישן האט זיך אפגעשפילט א קייט פון השגחה פרטית: איינער פון די שפיטאל ארבעטער וואס וואוינט אין ביתר האט אנגעקלונגען מיין ווייב און איר געפרעגט: "איך פאר יעצט אהיים, דארפסטו אפשר א היטש?"

"איך בין שוין אינדערהיים," האט מיין פרוי געענטפערט, "אבער דו וואלסט מיר געטון א געוואלדיגע טובה אויב דו קענסט ארויפגיין צום אפיס אויפ'ן צווייטן שטאק און מיר ברענגען דעם דיסק מיט די בילדער." דער ארבעטער האט מסכים געווען און גענומען דעם דיסק. גלייך דערנאך האט מיין פרוי מיר געקאלט און געזאגט: "דער דיסק איז שוין אויפ'ן וועג צו אונז, דו דארפסט שוין נישט פארן!" ווי גוט איז דאס געווען אז דער באס האט זיך פארשפעטיגט און איז נישט אנגעקומען!

א מינוט שפעטער קאלט מיר דער מלמד: "איך בין נאך אלץ דא אין שטאט. איך האב געזען אז דו האסט מיר געזוכט, ווילסטו אפשר אז איך זאל דיר טראגן קיין ירושלים?" האב איך אים געזאגט אז צום סוף פעלט עס שוין נישט אויס. חסדי ה' אז ער האט נישט געענטפערט ווען איך האב אים גערופן...!

אויב וואלט ער ווען געענטפערט, וואלט איך מיטגעפארן מיט אים און פארשווענדעט מיין צייט און כוחות פאר גארנישט, בשעת דער הייליגער באשעפער האט שוין פריער צוגעגרייט א פיל קורצערע וועג וויאזוי דער דיסק זאל אנקומען צו אונז.

אצינד וויל איך דערציילן נאך א מעשה:

די צייט פון מיין אינגעלע'ס אפעראציע האט זיך דערנענטערט. פונעם געבורט אן האט ער געלעבט מיט זיין פעלער, ער האט נעבעך מיטגעמאכט שווערע יסורים. זיין אטעמען איז געווען שווער, און זיין בלוט האט זיך נישט געהעריג גערייניגט. אבער ווען מען האט געמאכט די חשבונות פון ווי דרינגענד די אפעראציע איז, האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'זענען דא פעלער וואס זענען נאך מער דרינגענד. אויך האבן די דאקטוירים מיר געזאגט אז כל זמן דאס קינד איז סטאביל, איז בעסער צו ווארטן ביז ער וועט אביסל צו וואקסן, ווייל דעמאלטס זענען די טשאנסן פאר א סוקסעס פיל העכער און די רעזולטאטן וועלן אנהאלטן פאר לענגער.

## <<< המשך השגחה עליונה

און בקרוב וועלן מיר ארויסגיין פון די פינסטערניש צו א גרויסע ליכטיגקייט!"

די משפחה פון הרה"ק רבי חאקי זצ"ל איז געווען אין גאר א שווערן מצב, זיי האבן געלעבט אין גרויס דחקות און ביטערע ארעמקייט.

פרייטאג איז זיין רעבעצין צוגעקומען צו אים און געבעטן געלט אויף די הוצאות שבת. און דער רבי האט איר געענטפערט מיט א פייערדיגע דרשה פול מיט אמונה וביטחון...

די רעבעצין האט אים געענטפערט מיט א שווער הארץ: "איך פארשטיי אז "הבוטח בד' חסד יסובבנו" - דער וואס האט בטחון אין באשעפער וועט ארומגענומען ווערן מיט חסד; איך זע טאקע דעם בטחון, אבער וואו איז דער חסד?! ווען וועט עס זיך שוין ענדליך באווייזן?!"

האט דער רבי איר געענטפערט: "וויסן זאלסטו אז מיר זענען יעצט אין א נסיון העוני. אויב מיר וועלן שטיין שטארק מיט גבורה און זיך פארלאזן אויף אונזער פאטער אין הימל מיט א גאנצע אמונה, אן קיין שום ספיקות, וועט דער חסד קומען גאר שנעל!"

די רעבעצין איז ארויס אינדרויסן, און פלוצלונג האט זי צו איר גרויסע פרייד געפינען צען לירא נעבן זייער הויז. דאס איז געווען א היבשע סומע געלט. זי איז גלייך צוריקגעלאפן און מיט גרויס שמחה געמאלדן פאר איר מאן:

"מיר האבן ענדליך דורכגעמאכט דעם נסיון, און דער חסד איז אנגעקומען!"

"ניין, מיר האלטן נאך אינמיטן דעם נסיון," האט דער רבי געענטפערט, "ווייל כאטש לויט'ן דין מעג מען נעמען דאס געלט, וויבאלד די בעלים האבן זיך שוין מסתמא מייאש געווען, פונדעסטוועגן איז פאסיג פאר אונז צו טון לפנים משורת הדין און אויסרופן די מציאה. ווייל ווי קענען מיר הנאה האבן פון שבת'דיגע מאכלים וואס זענען געקויפט געווארן אויפ'ן חשבון פון א צווייטן אידן'ס צער?!"

זיי האבן נאך געהאלטן אינמיטן רעדן ווען דער פאסט-טרעגער איז אנגעקומען, ברענגענדיג א רעגיסטרירטע בריוו מיט א שיינעם טשעק אינעווייניג, אדרעסירט צו באבא חאקי און זיין משפחה!

באבא חאקי האט עס געליינט, זיין פנים האט געשטראלט פון גרויס שמחה:

"קוקט נאר, יעצט איז די חסד אנגעקומען! בזכות די אמונה, מיט'ן כח פון בטחון, און דורך דעם וואס מיר האבן אויסגעהאלטן דעם נסיון!"

מיר האבן געווארט. עטליכע חדשים זענען אריבער, און מיר האבן ענדליך באקומען אן אפוינטמענט אויף חודש ניסן, פאר פסח. א טאג פארן באשטימטן טאג זענען מיר אנגעקומען אין שפיטאל צוצוגרייטן דאס קינד פאר די אפעראציע. עס איז געווען אן פארמאטערנדע און שווערע טאג; מיר זענען געלאפן פון איין דאקטאר צום צווייטן און פון איין טעסט צום צווייטן. פאר יעדן טעסט האבן מיר געדארפטווארטן אין די רייע, און דערנאך ווארטן אויף די רעזולטאטן. ביי יעדע טעסט האבן מיר פריש געמוזט בארואיגן דאס קינד...

ביים סוף פון אזא כמעט-אומדערטרעגליכן טאג, זענען מיר שוין געווען אויפן וועג אהיים ווען פלוצלינג קומט א קאל פונעם שפיטאל: "מארגן גייט נישט פארקומען קיין סוירדזשערי."

"וואס הייסט? די סוירדזשערי איז דאך באשטימט אויף מארגן! וואס מיינט 'נישטא קיין סוירדזשערי'?"

מיר דארפן די שטאב פאר א פאציענט וואס איז פיל מער דרינגענד, א ניי-געבוירן קינד וואס דארף אן אפעראציע גלייך נאכן געבורט כדי צו ראטעווען זיין לעבן. מיר אנטשולדיגן זיך."

מיר האבן געזאגט "גם זו לטובה," און מ'קען זאגן אז עס איז געווען זייער שווער עס ארויסצוזאגן. מיין בעיבי'ס הארץ איז דאך נישט גאנץ, און איך דארף דאס קענען זאגן מיט א גאנץ הארץ... אבער צום סוף בין איך איבערגעקומען דעם ביטערן אנטוישונג און געזאגט פאר מיין פרוי אז עס איז באמת גוט אזוי; אזוי וועלן מיר האבן א רואיגן ערב פסח, און מיר וועלן ווארטן ביז נאך יום טוב.

מ'האט באשטימט א נייע צייט פארן אפעראציע אויף נאך פסח. דער טאג פארדעם איז אנגעקומען, און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג מיט'ן בעיבי פאר לאנגע שעות פון הכנות, טעסטן, קאארדינאציע, חתימות און פארמס. און נאכאמאל די זעלבע מעשה! ביינאכט זאגט מען אונז: "קומט נישט מארגן. ס'איז דא אן עמערדזשענסי אפעראציע."

דאס איז שוין געווען העכער מיינע כוחות. דאס פאריגע מאל האב איך נאך געהאט כח מחזק צו זיין מיין ווייב, אבער דאס מאל האב איך אליין געדארפט חיזוק, און איך בין געגאנגען צו מיין רבין.

דער רבי האט מיטגעפילט מיין צער און שוועריגקייט, און מיר דערציילט א מעשה פונעם הייליגן רבי שלומ'קע זוועהילער זכותו יגן עלינו:

ר' שלומ'קע פלעגט פיל מאל פאסטן תעניתים. איין מאל, גאנץ אינדערפרי ביים אנהייב פון א תענית טאג, האט ער זיך געפילט גאר שוואך און ער האט געשפירט אז ער מוז האבן א גלעזל טיי. ער האט געבעטן זיין אייניקל, מרדכי'לע, ער זאל אים עס ברענגען.

דער אינגל האט גענומען דאס קריגל מיט'ן פלאן עס אנצופילן מיט וואסער פונעם בור, אבער דאס קריגל איז אים ארויסגעפאלן פון די הענט. עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז ער האט עס ענדליך ארויסגענומען פונעם בור. דערנאך האט ער פרובירט אנצוהייצן דאס וואסער, אבער דער קעסל האט בשום אופן נישט געוואלט ארבעטן. ביי יעדע טריט און שריט האט דאס אייניקל באגעגנט פארשידענע מאדנע מניעות, און ביז דאס גלעזל טיי איז שוין ענדליך געווען גרייט, איז די זון שוין לאנג אונטערגעגאנגען...

נאך די שקיעה איז מרדכי'לע צוגעגאנגען צו ר' שלומקע'ן מיט'ן גלעזל טיי, זיין הארץ איז אים געווען גאר שווער צוליב אלע דורכפעלער און פארשפעטיגונגען וואס ער האט געהאט. אבער דער רבי האט אים געזאגט: "מרדכי'לע, פונקט אזוי האט עס באדארפט צו זיין!"

"אזוי האט עס באדארפט צו זיין." דער רבי האט מיר נאכאמאל איבערגעזאגט די דאזיגע ווערטער. דאס אפשטופען די אפעראציע, די נאכאנאנדע אפזאגן, די גאנצע איבערקערעניש, די שוועריגקייטן און די יסורים - "זאלסט וויסן אז פונקט אזוי האט עס באדארפט צו זיין!"

<<<



הרה"צ ר' דוד קלעצקין שליט"א

# כמה מעלות טובות

זענט איר פון די סארט מענטשן וואס גלייכן א מורא'דיגע פארדינסט? אויב יא, איז אייער רעקאמענדירט אז איר זאלט זיך פארלאזן אויפן באשעפער.

פינף-און-זיבעציג מעלות - ווי די גימטריא פון דאסווארט 'בטחון' - זענען פארבונדן מיט'ן בוטח זיין אינעם באשעפער, אזוי ווי עס קומט ארויס פון דעם אנהייב פונעם פערטער שער. דער מחבר פונעם ספר "חובות הלבבות" ווענדט זיך דארט צו די נשמה און צו די געפילן פונעם מענטש, און ער איז מסביר פארוואס עס לוינט זיך אזוי שטארק צו האבן בטחון אינעם באשעפער. ער צייגט אן וואס עס פאסירט מיט א מענטש וואס לייגט זיין האפענונג אינעם באשעפער, און וואספארא סארט מענטש ער ווערט א דאנק דעם.

דער מחבר פון ספר "חובת הלבבות" הייבט אן מסביר צו זיין די מעלה פון בטחון: די ערשטע טובה וואס קומט ארויס דערפון איז "מנוחת הנפש" און א שטארקע רואיגקייט אינעם באשעפער. די גאנצע יסוד און ענין פון בטחון איז, פשוט, די מנוחת הנפש וואס דער מענטש באקומט!

רבינו בחיי, דער בעל חובת הלבבות, ווערט אנגערופן אין די ספרי מוסר אלס "רופא הנפש". און ער, וואס האט אזוי טיף פארשטאנען די נפש האדם, הייבט טאקע אן דעם נושא מיט מנוחת הנפש.

מנוחת הנפש איז א זאך וואס ליגט טיף באהאלטן אינעווייניג אינעם מענטש, דאס איז זיין אינערליכע פערזענליכקייט, אבער די רעזולטאטן דערפון זענען ניכר אויך אינדרויסן. מען קען קלאר זען און דערקענען אויף א מענטש ווען ער פארמאגט מנוחת הנפש.

א מענטש מיט מנוחת הנפש ווערט נישט שנעל נערוועז אדער אויפגערעגט. ער פירט זיך מיט א געלאסנקייט און ער ווייסט פונקטליך וויאזוי צו דיעלן מיט יעדער פראבלעם וואס קומט אונטער און עס לעזן אויפן בעסטן אופן. זיין סדר היום איז קלאר און אויסגעשטעלט, און אפילו ווען עס הערשט א שטארקער פרעשור אדער ווען עס קומען אונטער עטליכע שוועריגקייטן און פאסירונגען אויפאיינמאל, זענען זיינע מחשבות מסודר; ער ווייסט וואס צו טון און וויאזוי צו באהאנדלען די גאנצע פרעשור ריכטיג. ער פאניקט נישט און ער ווערט נישט צעבראכן, נאר ער ווייסט וויאזוי צו עס באהאנדלען און מסדר זיין.

ער פארמאגט דעם מנוחת הנפש ווייל ער האט בטחון אינעם בורא. דאס איז גלייך צו א קנעכט וואס פארלאזט זיך אויף זיין האר: דער קנעכט פארלאזט זיך אויף זיין בעל הבית אין אלע ענינים. פונקט אזוי איז א מענטש מיט מנוחת הנפש רואיג און געלאסן ווייל ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן.

איידער דער חובת הלבבות הייבט אן מסביר זיין די געוואלדיגע מעלה פון האבן בטחון אינעם אויבערשטן, וויל ער קודם שילדערן די אלע פראבלעמען און שוועריגקייטן וואס קומען אונטער פאר די וואס פארלאזן זיך אויף א בשר ודם, אזוי ווי מ'זעט ביי די גוים און ביי די וואס היטן נישט קיין תורה ומצוות. אבער באמת, זענען דא אפילו ערליכע אידן וואס היטן יא מצוות, אבער זיי כאפן נאכאלץ נישט דעם גרויסן חסרון פון זיך פארלאזן אויף א מענטש. דערפאר גיט אונז דער בעל "חובת הלבבות" א בליק אויף וואס עס פאסירט ווען עס פעלט פון א מענטש די ריכטיגע בטחון אינעם באשעפער. נאר נאכדעם וואס מיר וועלן אויסשליסן די אפציע פון זיך פארלאזן אויף א מענטש, וועלן מיר האבן די ריכטיגע כלים אריינצוטראכטן אין די גרויסע תועלת פון האבן בטחון אינעם אייבערשטן.

שכנים און באקאנטע האבן געהערט איבער דעם וואס מ'האט אפגעשטופט די אפעראציע שוין צוויי מאל. מענטשן האבן גערעדט דערפון, און די זאך איז געווארן ברייט באקאנט. א באקאנטער עסקן האט מיר אנגערופן און געזאגט: "איך שמעק דא פראטעקציע. וואס איז דאס אז מ'שטופט דיר אפ נאכאמאל און נאכאמאל?! זיכער זענען דא מענטשן וואס גייען אריין 'דורך די הינטערשטע טיר'. גיב מיר די דעטאלן, און איך וועל זעהן דיר ארייַנצושטופן."

ער איז געווען זייער ענערגיש און אנטשלאסן מיר צו העלפן. איך האב אים באדאנקט אבער געזאגט: "איך וויל גארנישט שטופן. אזוי דארף עס צו זיין. מיר האבן שוין א נייע אפוינטמענט, און מיר וועלן גיין לויט'ן סדר."

עטליכע טעג שפעטער דערציילט מיר מיין שוועסטער אז ביי אירע שכנים איז געבוירן א קינד מיט א הארץ פעלער, און אן אפעראציע תיכף ומיד האט אים געראטעוועט דאס לעבן. "האסטו זיי פונקט געטראפן?" האט זי מיר געפרעגט.

"ווען איז געווען די אפעראציע?" האב איך געפרעגט, און זי האט מיר געענטפערט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז געווען פונקט דעם זעלבן טאג וואס מיין זון'ס אפעראציע איז געווען געסקעדזשולט!

דאס איז דאך נישט קיין פשוט'ע אפעראציע; א הארץ סוירדזשערי איז א קאמפליצירטע זאך וואס דארף א גאנצע טיעם. יעצט האב איך שוין פארשטאנען אז אויב איך וואלט ווען געדרוקט און גענוצט פראטעקציע פון אלע זייטן, וואלט מען טאקע אפשר אפערירט מיין זון, אבער חס ושלום אויפ'ן חשבון פון יענעם קינד'ס לעבן! דאס איז געווען א גילוי מן השמים. איך האב זוכה געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן ווי אלעס איז אויסגערעכנט און באשערט פון אויבן פונקטליך.

אזוי האט עס געדארפט זיין!

## ✕ דאס איז פאר דיר... ✕

**מיין נאמען איז יוחנן, איך וואוין אין ירושלים. עס האט פאסירט מיט מיר א זייער אינטערעסאנטע מעשה:**

איך בין געשטאנען ביים באס סטאפ און געווארט אויפן באס. פלוצלונג האט דער באשעפער צוגעשיקט צו מיר אן עלטערן איד, ער האט אויסגעזען לכל הפחות אכציג יאר אלט. ער איז צוגעקומען צו מיר און געפרעגט: " קענסט מיר אפשר געבן צוויי הונדערט שקל?"

איך בין נישט קיין מענטש וואס קען סתם אזוי טיילן געלט פאר יעדן איינעם וואס בעט צדקה.... כאטש איך האב טאקע געהאט צוויי הונדערט שקל אין טאש, האב איך אבער געהאט אנדערע פלענער וואס צו טון מיט דאס געלט. האב איך אים געזאגט: "איך האב נישט."

אבער דער זקן האט מיר נישט אפגעלאזט. איך ווייס נישט פארוואס ער איז נישט געגאנגען צו א צווייטן, אבער ער האט זיך עקשנות'דיג געשטעלט אויף מיר און געזאגט: "איך דארף עס דרינגענד; ס'איז עפעס וואס איך מוז ממש יעצט האבן."

איך האב רחמנות געהאט אויף אים, און צום סוף האב איך ארויסגענומען די צוויי הונדערט שקל פון מיין טאש און עס אים געגעבן. איך האב געפלאנט דאס צו רעכענען פון מיין מעשר געלט.

איך האב ווייטער געווארט אויפ'ן באס וואס האט זיך נאך אלץ פארזוימט. ביי א געוויסע פונקט האב איך באשלאסן צו פרובירן כאפן א היטש, און טאקע, איינער האט זיך אפגעשטעלט פאר מיר. איך האב אים געפרעגט אויב ער קען מיר צופירן צום קליניק וואו איך האב געדארפט גיין.

דער דרייווער איז געווען אן אויסנאם פריינטליכער און העפליכער מענטש. ער האט מיר געפרעגט וויאזוי איך הייס און וואס איך טו אינמיטן טאג. ווען ער האט געהערט אז איך לערן אין א כולל, האט ער ווייטער געפרעגט אין וועלכע כולל, וואס פונקטליך מען לערנט דארט, וואס זענען די תקנות, און אזוי ווייטער. איך האב אים געענטפערט מיט אלע דעטאלן, און ער האט ממש הנאה געהאט אויסצוהערן.

ביים סוף פונעם וועג, האט ער ארויסגענומען זיין בערזל, ארויסגעשלעפט צוויי הונדערט שקל, און מיר געזאגט: "דאס איז פאר דיר!"

א דאנק פאר'ן רבונו של עולם.

## ✕ די מיסיל האט אלעס ערקלערט... ✕

**ר' אוריאל ס. פונעם צענטער דערציילט:**

איך האב אין א גוטע שעה - אזוי האב איך כאטש געמיינט - אונטערגעשריבן א קאנטראקט פאר א דירה, און געגעבן א דאון-פעימענט. איך האב געמיינט אז אלעס איז שוין פארטיג און מסודר, אבער פלוצלינג איז געקומען א שארפער העכערונג אין פרייזן אויפ'ן מארקעט.

דער מוכר איז געווארן זייער אנגעצויגן; ער האט געפילט אז לויט'ן פרייז וואס איך צאל אים, פארלירט ער א גרויסע ריוח, האט ער באשלאסן צו קענסלען דעם קאנטראקט.

עס איז נישט געווען יושר'דיג בכלל, און איך האב געהאט צוויי ברירות: אדער אים שלעפן אין דין תורה אדער מוחל זיין. איך האב אויסגעקליבן די צווייטע.

ברוך השם, שפעטער האב איך געפינען א נאך פיל בעסערע דירה, און אלעס האט זיך אויסגעשטעלט אויפ'ן בעסטן אופן על צד היותר טוב.

אלעס? נישט ממש. די דירה וואס איך האב געהאט אויפגעגעבן דערויף איז אריבער א טראגעדיע. אינמיטן די מלחמה האט א מיסיל פון איראן אנגעטראפן דעם בנין קעגנאיבער די דירה וואס איך האב כמעט געקויפט. עס איז פאראורזאכט געווארן שווערע שאדנס פאר יענע דירה, און ליידער זענען מענטשן אויך פארוואונדעט געווארן.

בלויז עטליכע יאר נאך דעם וואס דער מקח איז בטל געווארן, האב איך אנטדעקט וויאזוי דער באשעפער האט אלעס אזוי אויסגעפלאנט לטובתי.

## ✕ צוויי מאל פערציג ✕

**די מעשה האט דערציילט א מיטגליד פון משפחת אונגאר פון סקווירא:**

מיין ברודער איז שוין געווען אין די שידוכים פאר א שטיק צייט. מיינע עלטערן זענען נישט געווען ספעציעל באזארגט, אבער אביסל יא; נאך אלעם איז ער שוין געווען צוואנציג יאר אלט, וואס ביי אונז ווערט דאס שוין פאררעכנט אלס נישט אזא יונגער בחור. דערצו זענען געווען נאך ניין אנדערע בחורים אין די משפחה וואס האבן אויך געהאט עיכובים צו טרעפן א שידוך.

איין טאג האט א חבר'טע געקאלט מיין מאמען און איר

דערציילט אז זי פלאנט צו דאווענען פאר מיין ברודער, און איז מזכיר זיין פאר א גוטן שידוך פערציג טעג נאכאנאנד ביים ציון פונעם ריבניצער רבי'ן זכר צדיק לברכה.

מיין מאמע איז געווען איבעראשט. "פארוואס פלוצלינג האסטו באשלאסן צו דאווענען דווקא פאר מיין זון? מיר האבן דאך נאך עלטערע בחורים אין די משפחה."

"דער רבי האט מיר געהייסן דאווענען ספעציעל פאר ענקער פאמיליע," האט די חבר'טע געענטפערט.

מיין מאמע תחי', איז שטענדיג פארנומען מיט העלפן אנדערע אידן אויף פארשידענע וועגן. א גוטע חבר'טע אירע האט אן איינציג קינד, וואס איז עבוירין געווארן נאך פילע תפילות און בקשות, און מיין מאמע האט יענע צייט זיי גאר אסאך ארויסגעהאלפן.

יעצט, צוואנציג יאר נאכדעם וואס דער זון איז געבוירן, איז דער בחור אינאיינעם מיט זיין טאטע געגאנגען צום וויזשניץ-מאנסי'ער רבי'ן זצ"ל, בעטן א ברכה אז ער זאל טרעפן זיין באשערטע. דער רבי האט זיי אנגעוויזן אז זיי זאלן דאווענען פערציג טעג פאר א שידוך פאר א קינד פון איינעם וואס האט זיי אמאל גוטס געטון, כדי עס זאל ביי זיי מקוים ווערן דאס וואס חז"ל זאגן: "כל המתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה".

יענע פרוי האט פארציילט די גאנצע מעשה פאר מיין מאמע, און אויסגעפירט: "גיב מיר דיין זון'ס פונקטליכע נאמען, און איך וועל דאווענען פאר אים."

מיין מאמע האט איר געענטפערט: "אויב דו דאוונסט פאר מיין זון, וועל איך אויך דאווענען פאר דיין. גיב מיר דיין זון'ס נאמען, און איך וועל בלי נדר זאגן שיר השירים פערציג טעג נאכאנאנד פאר זיין זכות."

די צוויי חבר'טעס האבן זיך אויסגעטוישט די נעמען, און אנגעהויבן מיט די פערציג טעג תפילה.

און פונקט אינעם פערציגסטן טאג (!) - טראץ דעם וואס עס זענען געווען געוויסע עיכובים און מ'האט שוין געטראכט אפצושטופן אויף מארגן - האט מיין ברודער געבראכן טעלער! די שמחה איז געווען עד לב השמים. מיט א ספעציעלע געשמאק צו זען ווי תפילות ווערן אנגענומען, און די ישועה קומט אן פונקט אינעם פערציגסטן טאג.

אינמיטן די גרויסע שמחה קלינגט דער טעלעפאן. די חבר'טע פון מאנסי איז אויפן ליין, און שרייט מיט גרויס התרגשות: "מזל טוב!"

מיין מאמע, זייענדיג זיכער אז זי וואונטשט אויף מיין ברודער'ס שידוך, האט איר געפרעגט מיט וואונדער: "פון וואו ווייסטו שוין אז מיין זון איז א חתן געווארן?!"

איר חבר'טע איז נאך מער נתפעל געווארן און אויסגערופן מיט התרגשות: "דיין זון?! איך רוף דיר דאך זאגן אז מיין זון איז א חתן געווארן!!!"

דאס האט פאסירט אין דעם זעלבן טאג, אין די זעלבע מינוט ממש. ממש מן השמים.

אבער דא האט עס זיך נישט געענדיגט. די תפילות האבן ווייטער גע'פועל'ט, און אין א קורצע צייט זענען אלע בחורים אין די משפחה וואס האבן געווארט אויף זייער זיווג, געווארן חתנים בשעה טובה ומוצלחת.

סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל!

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

**בריוו צו די מערכת**

**לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע פון 'השגחה פרטית'.**

אשריכם ואשרי חלקכם, וואס איר זענט מזכה די רבים. אין אונזער דור, דער דור פון עקבתא דמשיחא, האט איר זוכה געווען אריינצובלאזן א חיות אין אידישע קינדער. א לעבן פון דביקות בה', א לעבן פון אמונה פשוטה אינעם באשעפער, א לעבן פול מיט חיות דורך התבוננות אין השגחה פרטית, וואס דאס אנטפלעקט דעם אייבערשטנ'ס כבוד אפילו אין דעם דור פון הסתרה. איר האט געעפנט די אויגן פון מענטשן, זיי צו ווייזן אז מיט א ביסל התבוננות קען מען זען זיין גוטסקייט און זיין השגחה פרטית ביי יעדע טריט און שריט.

ס'איז דא א ווארט פון איינעם פון די צדיקים זכרונם לברכה, אז השגחה פרטית באגלייט דעם מענטש יעדע רגע; מען קען עס זען ביי יעדע געלעגנהייט, מען דארף בלויז נישט צומאכן די אויגן.

ס'איז קלאר אז א לעבן וואס ווערט געפירט מיט בטחון איז א לעבן פול מיט שמחה און רואיגקייט. אפילו ווען א מענטש גייט דורך שווערע נסיונות, און אפילו אויב די נסיונות ציען זיך פאר לאנגע יארן, קען מען זען ביי די סארט אידן א געוואלדיגע מנוחת הנפש. זייער לעבן איז זיסער ווי האניג, און אסאך מאל קען א מענטש פון אינדרויסן אפילו נישט באמערקן אז דער פריילליכער איד גייט דורך עפעס א שוועריגקייט אין זיין לעבן. דאס איז די געוואלדיגער כח פון האבן בטחון אינעם באשעפער, וואס ברענגט דעם מענטש צו אזא סארט שמחה און שלווה.

וויאזוי פאסירט דאס טאקע? ווען א מענטש חזר'ט זיך איין נאכאמאל און נאכאמאל, אז ער געפינט זיך אין די גוטע און זיסע הענט פון זיין טאטן אין הימל, און אז אלעס וואס דער באשעפער טוט איז נאר פאר זיין אייגענע טובה, סיי אויף די וועלט און סיי אויף יענער וועלט - די דאזיגע מחשבות גייען אריין טיף אין אים און האבן א שטארקע השפעה אויף זיין גאנצער וועזן.

געשריבן פאר מיינע טייערע פריינט - אלע אידן וואס שטארקן זיך מיט בטחון אינעם באשעפער,

**שלמה שמעון רוטמן, בית שמש**

**האט איר הערות והארות? שיקט אן אימעיל צו דער מערכת.**

## נִישְׁט גֶעוַוארְט אוּמְזִיסְט

**יוֹסִי פוּן אֶלְעַד דֶערְצֵיילְט.**

אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ זִיךְ צוּ צוּפְלַייסְן אוּן אָנְקוּמֶען פְּרִי אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה. דֶער טָאג פִּילְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וֶוען אִיךְ רוּה זִיךְ אַבִּיסְל אָפּ אֵיידֶער דֶער רְבִּי קוּמְט אַרַיין אוּן מִיר פַאנְגֶען אָן דַאוְונֶען אוּן לֶערְנֶען.

אִין יֶענֶעם צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין גֶענוּג פְּרִי, אָבֶּער צוּלִיבּ פַארְשִׁידֶענֶע אָפְּהַאלְטוּנְגֶען בִּין אִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט מַיין חָבֵר וָואס וואוֹינְט אִין זֶעלְבְּן בִּנְיָן וִוי אוּנְז אוּן מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעקוּקְט אוֹיפְן זֵייגֶער אוּן גֶעוואוּסְט אז אוֹיבּ מִיר לוֹיפְן נִישְׁט יֶעצְט, פַארְשְׁפֶּעטִיגְן מִיר! שְׁנֶעל הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁטֶעלְט דֶעם עֶלֶעוֶועיטֶער וֶועלְכֶער אִיז גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעעֶפְנְט פַאר אוּנְז דִי טִירְן. אָבֶּער אֲפִילוּ דִי צַייט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶנְג הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן וַוייל מַיין חָבֵר'ס בְּרִידֶער הָאבְּן גֶעדַארְפְט אוּנְטֶערְקוּמֶען בִּיז אֵיין סֶעקוּנְדֶע.

עֶס הָאט מִיר גֶעיָאגְט, אִיךְ הָאבּ פַארְבִּיסְן דִי לִיפְּן, וָואס קֶען אִיךְ דֶען טוּן? פַארְמַאכְן דֶעם עֶלֶעוֶועיטֶער אוֹיף מַיין חָבֵר? פְּלוּצְלוּנְג, וֶוען זַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן, אִיז טוּנְקְל גֶעוָוארְן אַרוּם אוּנְז. אַ קוּרְצְשְׁלוּס! דִי לֶעקְטֶער אוּן דִי עֶלֶעוֶועיטֶער הָאט זִיךְ פַארְלָאשְׁן. אַ רֶגַע זֶענֶען מִיר גֶעשְׁטַאנֶען פַארְלוֹירְן אָבֶּער נָאךְ אַ סֶעקוּנְדֶע הָאבְּן מִיר גֶענוּמֶען לוֹיפְן פוּן דִי שְׁטִיגְן.

אִיךְ בִּין גֶעלָאפְן דִי טְרֶעפְּן אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער! אִיךְ בִּין גֶעוֶוען עֶכְט אִיבֶּערַאשְׁט. וֶוען מַיין חָבֵר'ס בְּרִידֶער קוּמֶען גְלַייךְ אַרַיין אִין עֶלֶעוֶועיטֶער, וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען יֶעצְט פַארְקְנַאקְט. אוּן אוֹיסֶער דִי אוּמְאַנְגֶענֶעמְקַייט פוּן צוּ שְׁטֵיין אִין אַ טוּנְקֶעלֶער פַארְקְנַאקְטֶער עֶלֶעוֶועיטֶער, וָואלְט אִיךְ זִיכֶער פַארְשְׁפֶּעטִיגְט צוּם חֵדֶר.

## אַ מַתָּנָה פוּן אֵיינְמָאלִיגֶע גֶעשִׁיר

**יִשַׁי פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**

מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ אַ מְסִיבָּה אִין חֵדֶר. וִוי גְרוֹיסֶע אִינְגְלֶעךְ הָאט דֶער רְבִּי אוּנְז גֶעלָאזְט אַלֵיין זִיךְ זָארְגְן אוֹיף דִי עֶסְן.



אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגְלֶעךְ הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דֶעם פְלִיכְט אוּן גֶעמַאכְט אַ לִיסְטֶע, וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען הָאט אִים גֶעמָאלְדְן אוּן אַזוֹי אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶע רַייכֶע סְעוּדָה.

צוּפְרִי זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער גֶעקוּמֶען פְרִי, טְרָאגְנְדִיג שְׁמֶעקֶעדִיגֶע עֶסְן אוּן אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת'דִיג, אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דִי עֶסְן אִין זַייט אוּן גֶענוּמֶען גְרֵייטְן דִי טִישְׁן, עֶס זָאל זַיין פַּאסִיג אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַ סְעוּדָה.

"אוֹי!" פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגְלֶעךְ אָנְגֶערוּפְן פַארְלוֹירְן. "מִיר הָאבְּן גֶעזָארְגְט אוֹיף עֶסְן, אוּן פַארְגֶעסְן צוּ זָארְגְן פַאר טִישׁ־גֶעשִׁיר!"

מִיר אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקוּקְט דֶערְשְׁרָאקְן. וִוי גֵייעֶן מִיר יֶעצְט עֶסְן קוּגְל, נָאכְשְׁפַּייז? מִיט דִי הֶענְט???

פוּנְקְט אִין דִי מִינוּט אִיז דֶער רְבִּי אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעהֶערְט אוּנְזֶער פְּרָאבְּלֶעם. "אִיךְ הָאבּ פַאר אַייךְ!" הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אִיבֶּערַאשְׁט. "נֶעכְטְן נַאכְט הָאבְּן מִיר גֶעפְּרַאוֶועט אַ סִיוּם אִינְדֶערְהֵיים אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעשִׁיר."

דֶער רְבִּי הָאט גֶעשִׁיקְט צְוֵויי אִינְגְלֶעךְ אָפְּנֶעמֶען דִי גֶעשִׁיר פוּן זַיין הוֹיז אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע מְסִיבָּה.

## צוּגֶעפִירְט צוּם גוּטְן



**אַבְרוּמִי דַייטְשׁ פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**

מַיין זֵיידֶע פוּן בְּנֵי בְּרַק אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן וִוי בַּאקַאנְט, בַּיי דִי שְׁלוֹשִׁים פִירְט מֶען זִיךְ אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּם צִיּוּן. אַזוֹי וִוי מַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אַ בְּנֵי בְּרַק'עֶר אִיד, אִיז עֶר בַּאגְרָאבְּן אִין דֶעם בֵּית הַחַיִּים פוּן בְּנֵי בְּרַק.

מֶערְסְטְנְס פוּן מַיין זֵיידְנ'ס קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וואוֹינֶען אִין בְּנֵי בְּרַק. דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר בַּאשְׁטִימְט אַז מִיר, דִי אֵיינְצִיגֶע בֵּית שֶׁמֶשׁ'דִיגֶע וֶועלְן נֶעמֶען אַ בָּאס בִּיז בְּנֵי בְּרַק אוּן אַרָאפְּגֵיין דִי נָאנְטְסְטֶע סְטַאנְצְיֶע צוּם בֵּית הַחַיִּים אוּן צוּגֵיין צוּפוּס. אוּן דִי וָואס וואוֹינֶען אִין בְּנֵי בְּרַק, יֶעדֶער אִין אַן אַנְדֶער גֶעגְנְט, וֶועלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן צוּפָארְן מִיט אַ וֶוען בִּיז צוּם קֶבֶר .

אִין דֶעם דְרַייסִיגְסְטְן טָאג זֶענֶען מִיר צוּגֶעפָארְן קֵיין בְּנֵי בְּרַק. אַרָאפּ פוּן בָּאס אוּן גֶענוּמֶען שְׁפַּאנֶען דִי שְׁטִיקְל וֶועג. דִי וֶועג נֶעבְּן בֵּית הַחַיִּים אִיז נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעפְלַאסְטֶערְט אוּן דִי זוּן הָאט אוּנְז גֶעשְׁטָאכְן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַנְגֶענֶעם... אַזוֹי מוּטְשֶׁענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁפַּאנֶען פָארְט אַרִיבֶּער אַ וֶוען, דִי טִיר עֶפְנְט זִיךְ אוּן מַיין פֶעטֶער שְׁרַייט אַרוֹיס "קוּמְט אַרוֹיף!" מִיר זֶענֶען אַרוֹיף אוּן גְרִינְגֶערְהֵייט אָנְגֶעקוּמֶען בִּיזְ'ן קֶבֶר מַמָּשׁ! א חֶסֶד וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז צוּגֶעפִירְט אִינְמִיטְן וֶועג.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרַיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.
אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!
גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,
**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**
**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

# נִישְׁט אוּמְזִיסְט

## פרק 2

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:** אִין מָאנְטְרִיאָל וָואס אִיז אִין קַאנַאדֶע ווֶערְט ר׳ יִצְחָק דַאווִידָאוויטְש אִינְפָארְמִירְט אַז זַיינֶע תְּפִילִין זֶענֶען פָּסוּל. עֶר זוּכְט אַ וֶועג וִוי צוּ זוֹכֶה זַיין לֵייגְן כָּשֵׁר׳ע תְּפִילִין אֵיידֶער דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער.






איר קענט אויך זיין א שותף
אין די גרויסע זיכוי הרבים
רופט: 845-222-2114
תזכו למצוות.

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**

לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com